חוברת ל

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית

מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

**Reshimas Zichronos**

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 30

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 **:נדפס בדפוס**

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

כ"א אייר*, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

---

*) יום הולדת הוו"ח אי"א נו"מ ובעל מדות ישראל ארי' ליב ע"ה – בנם השלישי של כ"ק הרלוי"צ והרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה – בשנת תרס"ו.

## די הצעה פון רבנות אין יעקאַטרינאָסלאַוו

אין אַ קליינער צייט אַרום האָט מען אים פאָרגעלייגט די רבנות פון יעקאַטרינאָסלאַוו, אויף ר׳ „בערע וואָלף־ס אָרט״[446].

די שטאָט אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסער אידעשער צענטער. דעם ערשטן מאָל נעמען אויף זיך אַזאַ שטעלע, און ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן, איז דאָס געווען, אין אַ סך אינזיכטן, גאָר ניט גרינג.

דאָרט האָבן געהאַט אַ גרויסן כח די ציונים. מ. אוסישקין[447] האָט דאָרט פריער געלעבט, און זיי זיינען דאָרט געווען שטאַרק אָרגעניזירט.

אין יענער צייט איז אַרויס אַ בריף פון דעם רבין רש״ב נ״ע, וועלכן מען האָט צושיקט איבער אַלע שטעט[448], אַנטקעגן „סיאָניזם״[449], וואָס עס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ גרויסן כעס. און זיי האָבן דערהערט אַז עס רעדט זיך וועגן דער „קאַנדיטאַטור״ פון זיינער אַ חסיד, האָבן זיי גלייך געמאַכט אַן אסיפה, אויף וועלכער זיי האָבן מחליט געווען דעם רב ניט צולאָזן, און עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן זיין שווערער וועג אין לעבן.

„אוסישקינס״ שוואָר[450], איז אויך געווען פון די אָנגעזעהנסטע מעמבערס פון די ציונים, ער איז אָבער געווען אַ זון פון אַ ליטווישן חסידישן אידן[451], אַ גביר, וועלכער האָט געגעבן זיין זון אַ פרומע ערציאונג. ער האָט געהאַט זייער אַ גוטע קאָפּ, און האָט געקאָנט גוט

446) שנפטר בשנת תרס״ח (כנ״ל הערה 432). — ע״ד עלותו של כ״ק הרלוי״צ על כס הרבנות ביקטרינוסלב — ראה „תולדות לוי יצחק״ ח״א ע׳ 151 ואילך.

447) אברהם מנחם מענדל אוסישקין (תרכ״ג־תש״ב). מראשי התנועה הציונות. התגורר ביקטרינוסלב בשנים תרנ״א־תרס״ו.

448) אינו ברור לאיזה מכתב הכוונה — וראה אגרות־קודש כ״ק אדמו״ר מהורש״ב ח״א ע׳ רו ואילך. ע׳ רצ ואילך. ועוד.

449) ציונים.

450) שמריהו (סרגיי) פאליי. ממנהיגי ההסתדרות הציונית בעיר.

451) ר׳ פייטל פאליי. מנכבדי העיר.

לערנען, אין אים איז געבליבן די ליבע און דער כבוד צו דעם אידעשן לערנען, נאָר פון ירא־שמים איז ער ווייט אַוועק.

* * *

## אַ פאַרהער מיט אוסישקינס שווער

בעת זיי האָבן אויף דער אסיפה אַרויסגעטראָגן די החלטה אויף צו זיין „געגנער״ שניאורסאָה׳נען, האָט ער איבער געגעבן צו דעם „חסידישן צד״, וועלכע האָבן אים אַרויסגערופן, אַז ער וויל זיך זען מיט דעם יונגן רב, און זיי האָבן אַראַנשזירט אַן אָווענט פון עטליכע אָנגעזענע בעלי־בתים.

זיי האָבן אַ שטיקל צייט אין איינעם פאַרבראַכט, און דערנאָך האָבן זיי געלאָזט נאָר זיי (שניאורסאָהן און פאַליי) אין צווייען.

ער האָט געהאַט בילדונג פון אַן אינשזענער, וואָס ער האָט אָנגעהויבן לערנען שוין נאָך דער חתונה, און איבער זיינע גוטע כשרונות, איז ער געווען איין אידישער סטודנעט אין דעם אוניווערסיטעט וואָס ער האָט געלערנט. קיין אידן האָט מען דאָרט ניט צוגעלאָזט, און דערנאָך האָט ער אויסגעסטראַיעט דעם „בריק״ איבער דעם דניעפּר[452], וועלכער האָט זיך גערעכינט איינער פון די גרעסטע אין רוסלאַנד. זיין נאָמען איז געווען סערגיי פּאַוולאָוו פאַליי.

— ער האָט ביי זיך גערעכנט, אַז דאָס איז אַ פראַגע מיט וואָס זיינען פאַר אינטיערסירט די אָרטאָדאָקסישע און חסידישע וועלט פון אַ סך אידישע שטעט, במילא וויל ער זיך באַקענען מיט דעם קאַנדידאַט, און אויב ער וועט אין אים געפינען די ווערט און די מעלות וואָס איז ראוי, לפי שיטתו, אויף פאַרנעמען דעם „אָרט״, וועט ער אין דעם „טאָן מיט אלע כחות״.

אַלזאָ, ביז ניין אַזייגער האָט דאָס געטראָגן אַ חאַראַקטער פון אַן פאַרזאַלונג, און דערנאָך האָט זיך אָנגהויבן אַ מין סאָרט פאַרהער.

---

452) הכוונה כנראה לגשר אמורסקי, הגשר הראשון על הדנייפר ביקטרינוסלב. נבנה בשנת תרמ״ד.

ער האָט פאָרגעבן שניאורסאָה׳נען דריי שאלות. צוויי געדיינק איך פעסט: איינע, וואָס האָט אויפגעטאָן חסידות, און אויך וואָס דאַרף מען קבלה מיט חסידות? די צווייטע, וועגן התבוללות, אַסמיליאַציע. די דריטע, דאַכט זיך וועגן „אמונה״.

דער ענטפער פון שניאורסאָהן אויף די דריי שאלות האָט געדאָוערט פון ניין ביז פיר אַזייגער פאַרטאָג.

נאָכדעם, האָט ער צו זיך פאַררופן עטליכע מענטשן, און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זען מאַכן אַן „אַרמיי״, און ער וועט זיין דער „אָנפירער״, אויף דורכפירן דעם „רב״, פאַר וועלכן, ווי ער האָט אים דערקענט, דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן, וואָס פאַר אַ מיטלען עס וועט דאַרפן קאָסטן. אַזאַ „גרויסקייט״, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען ניט אַרויסלאָזן.

* * *

## פאַליי זאָגט זיך אָפּ פון דער פאַרטיי

ער[453], זייענדיק אַ ציוני, האָט דאָך אין דעם „ענין״[454] — נאָך דער החלטה וואָס איז אַרויס געטראָגן געוואָרן[455], ווי איך האָב אויבן געשריבן — ניט געטאָרט צונעמען קיין אָנטייל, האָט ער דערליינגט אָפיציעל אין דעם קאָמיטעט, אַז ער גייט אַרויס פון דער פאַרטיי, במילא איז ער פריי צו אַרבעטן אין דער פראַגע פון רבנות ווי ער וועט געפינען.

די ציונים האָבן געלייגט אַלע כחות אויף ניט צונעמען זיין רעזיגנאַציאַ. פאַליי, פּערזענליך, איז זיי געווען „אַ שאָדן״, דערצו איז ער דאָך געווען „אוסישקינ׳ס״[447] שווער. חאָטש, אַלס מענטש, איז ער געווען גרעסער ווי דער „איידעם״, און דער איידעם האָט אויך אַזוי געהאַלטן —

אַלזאָ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת אין דעם אידישן לעבן, מיט פאַרטייען, משפחות וואָס האָבן פריינטליך געלעבט צווישן זיך זיינען

453) סרגיי פאליי.

454) ההשתדלות במינוי כ״ק הרלוי״צ כרב העיר.

455) נגד המינוי.

געוואָרן שונאים איינע מיט די צווייטע, וואָס האָבן זיך צוטיילט אין די דעות אין דער פראַגע, פאַר דעם רב, און געגנער.

און דער פאַליי, וואָס איז געווען אַ חפשי־בדעות, פון דעם אָרטאָדאָקסישן לעבן גאָר ווייט, האָט זיך גענומען דורכפירן דעם „קאַמפּיין", ווי אַ קנאי אין דער זאַך.

דאָס איז געווען אין 1908, בעת עס איז נאָך געווען אַ סך פּאַרטייען, ניט ווי איצט, נאָר איינע, אַ קאָמוניסטישע, און אין דער צענטראַלער קהילה האָט יעדער פּאַרטיי געהאַט פון זיך פאָרשטייער, וואָס זיי האָבן באַטראָטן די מיינונגען פון די וואָס האָבן זיי געשיקט.

די פרייערע, האָבן געוויינליך געהאַט אַ מערהייט. אויך האָבן דאָרט געהאַט פאָרשטייער דער רייכער קלאַס, און די אָרעמע, און מיט דער פראַגע האָבן זיך אַלע מיט אַ ברען, ווי מען זאָגט, פאַר אינטערעסירט.

* * *

## המאבק על הרבנות ביקטרינוסלב

כעבור זמן קצר הוצעה לבעלי הרבנות ביקטרינוסלב, על מקומו של ר' בערע וואלף[238].

באותה עת היתה העיר יקטרינוסלב מרכז יהודי גדול. לקבל משרה שכזו כמשרת רבנות ראשונה — מה עוד שבאותם ימים היה עדיין בעלי אברך צעיר — לא היה כלל מן הדברים הקלים, במובנים רבים.

בעיר זו היה כוח רב בידי הציונים. מ. אוסישקין[239] התגורר בעיר קודם לכן, והציונים היו מאורגנים בה היטב.

באותה תקופה פורסם מכתב מכ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע נגד הציונות[240]. המכתב נשלח והופץ בכל עיר ועיר, והוא עורר כעס רב בקרב הציונים. כששמעו הללו שמדובר על מועמדותו של אחד מחסידיו לרבנות העיר — מיהרו לקיים אסיפה, שבה החליטו שלא להניח למועמדותו של הרב להתקבל. החלטה זו היוותה את נקודת הפתיחה לדרך הקשה שעבר בעלי בחייו...

חותנו של אוסישקין[241] היה אף הוא מהחברים הבולטים בתנועה הציונית בעיר, אך הוא היה בנו של יהודי חסידי מליטא[242], גביר, שהעניק לבנו חינוך דתי. הוא היה בעל כשרונות טובים מאוד, ידע היטב ללמוד, ועוד נותרו בו החיבה והכבוד ללמדנות היהודית, אם־כי מיראת־שמים התרחק מאוד.

לאחר שהתקבלה ההחלטה באסיפת הציונים להתנגד למינויו של שניאורסון, מסר האיש ל"צד החסידי", שפנה אליו בעניין זה, שברצונו להיפגש עם הרב הצעיר. החסידים ארגנו, אפוא, ערב בהשתתפותם של

---

238) שנפטר בשנת תרס"ח (כנ"ל הערה 229). — ע"ד עלותו של רלוי"צ על כס הרבנות ביקטרינוסלב — ראה "תולדות לוי יצחק" ח"א ע' 151 ואילך.

239) אברהם מנחם מענדל אוסישקין (תרכ"ג־תש"ב), מראשי התנועה הציונית. התגורר ביקטרינוסלב בשנים תרנ"א־תרס"ו.

240) אינו ברור לאיזה מכתב הכוונה — וראה אגרות־קודש כ"ק אדמו"ר מהורש"ב ח"א ע' רו ואילך. ע' רצ ואילך. ועוד.

241) שמריהו (סרגיי) פאליי, ממנהיגי ההסתדרות הציונית ביקטרינוסלב.

242) ר' פייטל פאליי, מנכבדי העיר.

מספר בעלי־בתים בולטים. זמן מה בילו כולם יחד בשיחה, ולאחר־מכן השאירו המארגנים רק אותם (שניאורסון ופאליי) בארבע עיניים.

למר פאליי היתה השכלה כמהנדס, אותה החל לרכוש כשהיה כבר נשוי. בזכות כשרונותיו הטובים היה הסטודנט היהודי היחיד באוניברסיטה שבה למד, שככלל לא הותר ליהודים ללמוד בה. לאחר־מכן בנה את הגשר על נהר הדנייפר[243], שנחשב לאחד הגדולים ביותר ברוסיה. שמו היה סרגיי פאבלוב פאליי.

מר פאליי החליט בדעתו, שמאחר ששאלת הרבנות ביקטרינוסלב היא מושא להתעניינותו של העולם האורתודוקסי והחסידי בערים רבות, רצונו לערוך היכרות אישית עם המועמד, ואם ימצאנו ראוי מצד ערכו ומעלותיו — לפי שיטתו — להחזיק במשרה זו, יפעל למענו בכל כוחותיו.

ובכן, עד השעה תשע נשא הערב אופי של מפגש גרידא, ולאחר־מכן החל להתקיים מין "מבחן".

מר פאליי הציג בפני שניאורסון שלוש שאלות. שתיים מהן זוכרת אני בוודאות: הראשונה — מה חידשה החסידות, ומהו הצורך בתורת הקבלה והחסידות? השנייה — בעניין התבוללות. השלישית, כמדומתני, עסקה בענייני אמונה.

תשובותיו של שניאורסון על שלוש השאלות נמשכו החל מהשעה תשע עד השעה ארבע לפנות־בוקר.

לאחר־מכן קרא מר פאליי אליו מספר אנשים, ואמר להם שעליהם להקים "צבא", אותו ינהיג הוא עצמו, כדי להביא לידי פועל את מינויו של הרב — מינוי שעל יסוד היכרותו עם הרב אסור להניח לשום־דבר לעצור בעדו, ויעלה הדבר באמצעים ככל שיעלה. "גדלות שכזו" — אמר — "אל לנו להוציאה מידינו!"...

כציוני, לא היה באפשרותו לקחת חלק בקידום מינויו של הרב לאחר ההחלטה שהתקבלה באסיפת הציונים נגד המינוי, כפי שכתבתי לעיל. הוא הגיש איפוא לוועדה המתאימה מסמך רשמי המודיע על פרישתו מהמפלגה, כך שמעתה יהיה חופשי לפעול בשאלת הרבנות כפי שימצא לנכון.

---

243) הכוונה כנראה לגשר אמורסקי, הגשר הראשון על הדנייפר ביקטרינוסלב. נבנה בשנת תרמ"ד.

הציונים השקיעו את כל כוחותיהם כדי שלא לקבל את התפטרותו. גם באופן אישי היה בפרישתו של פאליי נזק מבחינתם, מה גם שמדובר בחותנו של אוסישקין (אם־כי, כאדם, פאליי היה גדול יותר מחתנו, וגם החתן עצמו סבר כך).

כך החלה מחלוקת בחיים היהודיים בעיר, ונוצרו מפלגות שונות. משפחות שחיו ביניהן בידידות הפכו שונאות זו לזו בשל חילוקי הדעות ביניהן בשאלה זו — תומכי הרב ומתנגדיו.

ומר פאליי זה — שהיה חפשי בדעותיו, ורחוק ביותר מחיים אורתודוקסיים — החל לנהל את המערכה למען מינויו של הרב כקנאי ממש לעניין זה.

כל זה היה בשנת 1908, בתקופה שבה היו עדיין מפלגות רבות — בניגוד למצב עתה, שבה מותרת רק מפלגה אחת — המפלגה הקומוניסטית. לכל מפלגה היו נציגים בקהילה המרכזית, שייצגו את עמדותיהם של משלחיהם. לחפשיים בדעותיהם היה, כמובן, רוב מבין הנציגים. כמו־כן היו בקהילה נציגים של המעמד העשיר ושל המעמד העני.

אך בשאלה זו — שאלת הרבנות בעיר — התעניינו כולם בלהט רב (כפי שאומרים).

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי׳** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב